# אין ליכט פון תורה

## דאס בית המקדש

# מצב ירושלים

אין די צוויי ספרים ווערט בעשריבען און ערקלערט אויף ריכטיג די הייליגע שטאדט ירושלים, און אללע הייליגע געגענדין פון אונזער פאטער לאנד, אויך אללע כלים פון בית המקדש די געוויכט פון גאלד אונד זילבער אונד אבנים טובות אונד די קונצטשטיקען וואס איז געוועזען אין יעדער כלי אוים געארבייט, אונד די געהיימע טויערען, וועלכע ירושלים האט געהאט אונטער די ערד.

## ערשטער טהייל.

הוצאת „אמונה פאבלישינג"

142 RODNEY STREET
BROOKLYN, N. Y. 11211

# הקדמה

דאס ספר ענטהאלט דיא בעשרייבונג פון דער שטאדט ירושלים וויא אזוי דיא שטאדט ירושלים איז געוועהן פאר 2638 יאהר אונ אלע היילינע געגענדע. אונ דאס בית המקדש וואס שלמה המלך ע"ה האט געבויעט. אין דאס צווייטע בית המקדש וואס דער קעניג הורדוס האשקלוני האט ערנייעט אונ אללע כלים פון דעם בית המקדש אונ דיא טייערע ארבייט פון דיא כלים. אונ צו וואס מען האט יעדע כלי בעניצט. אונ דאס געוויכט פון דעם גאלד פון דיא כלים. אונ דיא קליידער פון דיא כהנים אונ דער שטאף מיט דעם גאלד וואס איז געוועהן געשטיקט אין דיא קליידער. אונ דאס מוסטער פון יעדען קלייד עקסטיר אונ צו וואס אונ ווען מען האט יעדעס קלייד בעניצט. אונ דיא טייערע שטיינער פין דעם חושן ואפוד וואס דער כהן גדול האט געטראגען. יעדער שטיין איז עקסטיר בעשריבען. וויא יעדער שטיין הייסט. אויף אללע שפראכען. אונ וויא מען בעקומט דיא שטיינער. אונ דיא איינענשאפט וואס יעדער שטיין האט אין זיך. פון יעדען שבט עקסטיר. אונ דיא קרייטער פון דיא קטורת וואס דער כהן גדול האט מקטיר געוועהן אין בית המקדש. יעדעס קרייטער וויא מען בעקומט עם אונ וויא מען רופט עם אין אללע שפראכען. אונ צו וואס יעדעס קרייטער ווירד בענוצט. אונ די גרעסטע וואונדער וואס מען האט געזעהען פון דיא קטורת. אויך ווירד בעשריבען אלע כהנים וואס זענען

גֶעוועהן פון אַהֲרֹן הַכֹּהֵן בּיז דאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ איז חָרוּב גֶעוואָרין. אונ וואס עס האט זיך פּאסירט מיט דיא יודען ביז טיטוס קייזער פון רוים האט דאס בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מיט דער שטאדט יְרוּשָׁלַיִם חָרוּב גֶעמאכט. דאס אַלֶעס האב איך אַרוֹיס גֶענוּמֶען פון שַׁ״ס וּפוֹסְקִים רִאשׁוֹנִים וְאַחֲרוֹנִים. אונ אוֹיס ענגליש פראנצאזישע שריפטען איבער הויפּט בין איך וועלבּסט פיער מאהל גֶעוועהן אין רוים אונ האב אַלֶעס אַרוֹיס גֶענוּמֶען פון דיא בֶּעשְׁרַייבּוּנְגֶען פון יוֹסֵף בֶּן גּוּרְיוֹן הַכֹּהֵן. אונ פון דיא שְׁרִיפְטֶען פון דיא גֶעזאנדטע וואס דער קעניג תַּלְמַי פון מִצְרַיִם האט גֶעשִׁיקְט מען זאל אַלֶעס בֶּעשְׁרַייבֶּען. האב איך דאס אַלֶעס בֶּעשְׁרִיבֶּען אוֹיף אֵיין רֵיינֶער שְׁפְּראכֶע עס זאל יעדער קענען פאר שְׁטֵיין. אונ יעדער זאל וועהען אוֹיף וואס מיר האבען צו קלאגען וואס מיר האבען פאר לוירען.

# בעשרייבונג דער אלטען שטאדט ירושלים מיט דעם בית המקדש ראשון ושני.

1) דיא דריי מויערן וואס ריגגלען ארום דיא שטאדט ירושלים מיט דיא צוועלף טויערן. 2) דיא שטאטור דוד פון דרום זייט מיט פייער־שפריץ פון מונד אין פינגערשפיצין פאר דעם פיינד. 3) די שטאטור אברהם פון צפון זייט דאס וועלבע פאר דעם פיינד. 4) די הויפטפלאטצע מיט דיא שטאדט ירושלים. 5) דער פלאטץ ציון מיט דעם ערשטען געביידע מיט דיא שטוהל פון שלמה המלך ע"ה מיט דיא וואפפין צו דער געשיכטע די צוויי פרויען מיט די צוויי קינדער. 6) דער טורם דוד. 7) דער טורם ציון. 8) דער קאניגליכע פאלאסט מיט דעם געריכט־זאאל אין דער ווארטזאאל מיט דעם גרויסען גארטען (פאראדיס געגאנט). 9) דער קאניגליכע טורם אין די ציטאדעלע פון בתיה די טאכטער פון פרעה. 10) דער פאלאסט פון דער קאניגען בתיה. 11) דער אזיאטישער גארטין פון דער קאניגען בתיה איבער דעם פאלאסט. 12) דיא קליינקען פיר די פריסטערספרויען. 13) דיא בריק וואס מען האט געפיהרט וואסער אין טעמפעל אריין. 14) די בריק וואס האט געפיהרט צו דער האנדעלם גאססע. 15) דער פאלאסט דעם קאניגס הורדוס. 16) דער טורם אנטיוכוס. 17) פאלאסט דעם רוימישען קאנסולם. 18) טורם פון דעם רוימישען פרינץ אנטונינוס מארקוס. 19) דיא בריק וואס פיהרט צום טורם פון אנטונינוס מארקוס. 20) דיא קונסטבריקקע וואס צום אליוועגבערג פיהרט צום צוועקקע דעם ראטהען אפפער. 21) דער בארג מוריה מיט דער קונסט־מויער ארום פון דיא גרויסע שטיינער צו פירציג איילען הויך. 22) דיא שטיגען מיט די בריקקע וואס צו דער וויסטע יריעל פיהרט צום צוועקקע דעם ציג לעזאזל פיהרט אום יום כפור. 23) די קאראללענבריקקע מיט א גאלדענעם באך פון קאניגליכען פאלאסט וואס צום טעמפעל פיהרט.

24) די אַנקופּטהאַללֶע אויף דֶעם בַּארג מוֹרִיָה פִיר דֶען קֶענִיג שְׁלֹמֹה פוּן דֶער קָארָאלֶענבְּרִיקֶקֶע. 25) דְרַייא שַׁאנְצֶען אויף דֶעם בַּארג מוֹרִיָה צוּ שִׁיצֶען דֶעם טֶעמְפֶּעל פִיר דֶעם פֵיינְד, אוּנ די וַואסֶערְלֵייטוּנְג פִיר גֶעבְּרויךְ צוּם טֶעמְפֶּעל. 26) די מוֹיֶער (חוֹמַת הַר הַבַּיִת) מִיט פִינְף טוֹיֶערֶן אוּנְד גָאלְדֶענֶע גַאלֶלֶערִיֶען מִיט בְּרִילְאַנְטֶענֶע שַׁייבִּין, פֶענְסְטֶער מִיט גָאלְדֶענֶע רַאמֶען אוּנְד וַוייסֶע מַארְמָאר זֵיילֶען מִיט גָאלְדֶענֶע קַאפִּיטַאלֶען מִיט פֶער־שִׁיעדֶענֶע צִימְמֶערְן (לִשְׁכּוֹת). 27) דָאס גָאלְדֶענֶע טוֹיֶער שׁוּשַׁן מִיט דִיא אויסְגֶעשְׁנִיצְטֶע שְׁטָאדְט אִיבֶּער דֶעם טוֹיֶער. 28) דִיא צְוַוייא זִילְבֶּערְנֶע טוֹיֶערֶן חוּלְדָה גֶענַאנְט. 29) דָאס קְרִיסְטַאהל טוֹיֶער קִיפּוֹנְיוֹת גֶענַאנְט. 30) די אָבֶּערְצִימְמֶערְן אִיבֶּער דִיא מוֹיֶער פִיר די פְּרִיסְטֶער, לֶעוִויטֶען וָואס דֶעם טֶעמְפֶּעל הִיטֶען. 31) דִיא אִינְוֶוייניגְסְטֶער מוֹיֶער פוּן הַר הַבַּיִת מִיט דִיא לָאוְשֶׁען אוּנְד בֶּענְק פִיר דִיא אַלְטֶע לַייט צוּם זִיטְצֶען. 32) דִיא לָאמְפֶּען אִין חָצֵר הַבַּיִת וָואס זַייא הָאבֶּען בֶּעלַייכְ־טֶעט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם דִיא צְוַוייטֶע נַאכְט סוּכּוֹת. 33) די אָפֶּענֶע הַאלֶלֶע אִין חָצֵר צוּם פֶערְבְּרֶענֶען אַיין אָפְּפֶער וָואס אִיז טָמֵא גֶעוָואָרֶען (בֵּית הַבִּירָה גֶענַאנְט). 34) דִיא הַאלֶלֶע פוּן דִיא עֶרְשְׁטֶע קְלַאסְסֶע סַנְהֶדְרִין. 35) דָאס בֶּעט־הויז וָואס דָאס פָאלְק הָאבִּין דָארְט דֶעם מָארְגֶענְס קְרִיאַת שְׁמַע גֶעזָאגְט (בֵּית הַכְּנֶסֶת גֶענַאנְט). 36) דִיא טְרֶעפִּין וָואס הָאבֶּען אַרויף גֶעפִירְט אִין דִיא פְרויֶען הַאלֶלֶע. 37) דִיא גָאלְדֶענֶע גַאלֶלֶערִיֶען אִיבֶּער דִיא פְרויֶען הַאלֶלֶע וָואס דִיא פְרויֶען דָארְט דִיא צְוַוייטֶע נַאכְט סוּכּוֹת גֶעשְׁטַאנְדֶען זִינְד. 38) דִיא פִיער הַאלֶלֶען אוּנְד דִיא פְרויֶען הַאלֶלֶע (חַצְרוֹת קְטוֹרֶת גֶענַאנְט). 39) דִיא צְוַוייטֶע קְלַאסְסֶע סַנְהֶדְרִין אִין עֶזְרַת נָשִׁים. 40) דִיא טְרָאהן הַאלֶלֶע וָואס דֶער קֶענִיג אַיין מָאהל אִין זִיבֶּען יָאהְר שְׁמִיטָה דִיא פָּרָשָׁה פָארְגֶעלֶעזֶען הָאט. 41) דִיא פִינְפְצֶעהן טְרֶעפִּין וָואס מֶען הָאט פִינְפְ־צֶעהן קַאפִּיטֶעל תְּהִלִּים גֶעזוּנְגֶען אוּנ גֶעשְׁפִּיעלְט. 42) דְרַייא הַאלֶלֶען אוּנְטֶער אַיין דַאךְ וָואס אויבֶּען קִינְסְטְלֶערִישֶׁע מִקְוֶה פִיר דֶעם

כֹּהֵן גָדוֹל אוֹיף יוֹם כִּפּוּר אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אַרַיין צוּ גֵיין (בֵּית הַפָּרוֹכֶת).
43) דִיא גְרוֹיסֶע הַאלֶע בֵּית הַמּוֹקֵד מִיט דִיא פִיעֶר אִינְעוֵוייניגְסְטֶע
קְלֵיינֶע הַאלֶען. 44) דִיא מוֹיעֶר אַרוּם דֶעם טֶעמְפֶּעל מִיט דִיא זִיבֶּען
טוֹיעֶרֶן אוּנְד דְרֵייצֶעהְן טִירֶען מִיט דְרֵייצֶעהְן פְּרוֹכֶתִין אוּנְד גָאלְד
גַאלֶערִיֶען. 45) דָאס עֶרְשְׁטֶע טוֹיעֶר פוּן נְחוֹשֶׁת מְמוֹרָט (נִיקָנוֹר גֶע-
נַאנְט). 46) דְרֵייא טוֹיעֶרֶן פוּן דָרוֹם זַייט פוּן דִיא עֲזָרָה מִיט דִיא
פָארְהַאלֶען. 47) דֶער פָארְפְּלַאטְץ פַאר דֶער מוֹיעֶר מִיט דִיא גֶע-
פְלָאכְטֶענֶע גַאלֶערִיֶע (חֵיל וְסוֹרֵג גֶענַאנְט). 48) דֶער צְווֵייטֶער טְהֵייל
אִין טֶעמְפֶּעל (עֶזְרַת יִשְׂרָאֵל גֶענַאנְט). 49) דֶער דְרִיטְטֶער טְהֵייל אִין
טֶעמְפֶּעל (עֶזְרַת כֹּהֲנִים גֶענַאנְט). 50) דָאס שֶׁעכְט-הוֹיז מִיט דִיא אַכְט
זַיילֶען אוֹיף צוּ הֶענְגֶען דָאס פְלֵיישׁ פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת. 51) דִיא אַכְט
מַארְמָארְטִישֶׁען אָפּ צוּ אַרְבֵּייטֶען דָאס פְלֵיישׁ פוּן דִי קָרְבָּנוֹת. 52) דָאס
שְׁטֵיינֶערְנֶע מִזְבֵּחַ וָואס מֶען הָאט מַקְרִיב גֶעוֶוען קָרְבָּנוֹת. 53) דֶער
יָם הַנְחוֹשֶׁת אוֹיף דִיא צְוֶועלְף אָקְסֶען וָואס פוּן דִיא מַאהלֶער הָאט
גֶערִינֶען וַואסֶער אוּנ עֶס הָאבֶּען זִיךְ גֶעוַואשֶׁען צְוָועלְף כֹּהֲנִים אוֹיף
אֵיין מָאהל. 54) דִיא טְרֶעפִּין וָואס הָאבֶּען אַרוֹיף גֶעפִירְט אִין אוּלָם
אַרַיין. 55) דִיא גְרוֹיסֶע אֶפְנוּנְג פוּן דֶעם אוּלָם מִיט פִיעֶר טִירֶען
אִין הֵיכָל אַרַיין. 56) דָאס הֵיכָל אִין דָאס קָדְשֵׁי קָדָשִׁים מִיט דִיא
אַכְט אוּנ דְרֵייסִיג תְּאִים. 57) דֶער בְּרִילַאנְטֶענֶער קָאמְפּוּס וָואס הִילְנִי
הַמַלְכָּה הָאט גֶעשֶׁענְקְט שְׁטַאטְט אַיין זוּנֶן זֵייגֶער (נִבְרֶשֶׁת זָהָב נוֹצֶץ
גֶענַאנְט). 58) דֶער גָאלְדֶענֶער דַאךְ פוּן הֵיכָל מִיט דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים
מִיט שְׁפִּיזֶען דָאס דִיא פֵייגֶעל זָאלֶען דֶעם דַאךְ נִישְׁט פַאר אוּנְרֵיינִיגֶען
(כָּלֶיאָ עוֹרֵב גֶענַאנְט). 59) דִיא גָאלְדֶענֶע גַאלֶערִיֶע פוּן דֶעם אוּלָם
מִיט שְׁפִּיצֶען, אוֹיךְ פָאר דִיא פֵייגֶעל. 60) דָאס אוֹיס עֶרְוֶועהלְטֶע
אָרְט מִיט דֶעם כֹּהֵן גָדוֹל וָואס עֶר הָאט פַאר בְּרֶענְט דִיא פָּרָה
אֲדוּמָה.

דָאס אַלֶעס הָאבּ אִיךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן פֶערְשִׁיעֶדֶענֶע שְׁרִיפְ-

טען איבער הויפט פון מאנוסקריפטען פון וואטיקאן אונ האב דאס אללעס פון פערשיעדענע מאטעריאלען דורך קינסטלערישע הענדע דארשטעלען לאסען. גישט דורך איין פערגראססערונגס גלאז צוא זעהען, נאר איין נאטירליכעס געבײדע וועלכעס איך 9 יאהרע גע־ארבייטעט האבע, אונד 4 מאהל רוים בעזוכט וועגען די מאנוסקריפ־טען אין וואטיקאן קענען צו לערנען, אונ דיא אללע צוא זאממען געזאמעלטע שריפטען האב איך אין העבראישער אויך אין דייטשער שפראכע איין ווערק העראוים געגעבען. אויך האבע איך מיין געבײדע פאטאגראפיש אבצייכנען לאססען אונד דיא בילדער אין נאטירליכע פארבען ארוים געגעבען וועלכע דיא אללע גרויסע געלעהרטע פאן דער יעצטיגער צייט וועלכע דיא געבײדע אונד דאס מאנוסקריפט ביא מיר געזעהען האבען אונד מיט מיר געשפראכען, דיא האבען מיר שריפטליך איהרע צו שטיממונג געגעבען. איך בין אין דער זיכערער האפנונג, וועלכער מיין ווערק לעזען ווירד אונ די בילדער אנזעהען, זא ווירד דאס איהם געוויס איין גראססעס פערגניגען מאכען.

יהושע יוסף כלבו אוס ווארשוי.

פערפאססער פאן דער ערשטען בערימטעסטען ארכעלאגישען אויסשטעללונג.

1.

איבערזעטצט פאן דיא שריפטען פון דיא געזאנדעטע פאן עגיפטען.

דיא געזאנדעטע פון עגיפטען האבען איהרען קעניג תלמי פון עגיפטען געשריבען. אזוי וויא מיר האבין גירייזט, האבין מיר גיטראפין איין שטאט וואס זיא הייסט דיא גרויסע שטאט ירושלים לויט וויא מיר האבען דיא שטאט בעמערקט איז דיא שטאדט

גרויס 40 קוואדראט מיילען . איהרע הויפט פלעטצע מיט איהרע גאססען זינד געבויעט אויף בערגע . דיא שטראססען אונ דיא געננע שליסען זיך הערום דער גאנצער שטאדט . אויך זינד דיא געננע מיט פיעלע טרעפפע געמאכט איינע אונטער דער אנדערע דאמיט מען זאל קענען געהן נידריגער אונ העכער . עקסטרא איז געוועהן געננע פיר דיא וואס זענען געוועהן אפ געהיט פון טומאה דאמיט זייא זאלען זיך ניט אן ריהרען מיט די מענשען וואס זענען ניט געוועז אפ געהיט לויט יודישע געזעטצע .

## 2.

דיא שטאדט ירושלים מיט איהרע שטראסען. אללע גרויסע
מויערן. הויכע טורמען . אונד דיא טויערן וואס שלמה
המלך עליו השלום האט געבויעט .

דער .1 טויער האט געהייסען שער אברהם. דאס הייסט דער טויער פון אברהם. ווייל השם יתברך האט איהם געבאטין ער זאל אוועק געהן פון זיין פאטער תרח. איז ער דאס ערשטע מאהל געקומען קיין ירושלים איז ער אריין געגאנגען אין דער שטאדט אויף דעם ארט אונ האט געהייליגט דיא גאנצע שטאט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה גערופען דעם טויער שער אברהם.

דער .2 טויער האט געהייסען שער דוד ווייל אויף דעם ארט איז שמואל הנביא דאס ערשטע מאהל געקומען צו דוד המלך ע״ה אונ האט איהם נבואות געזאגט אז עס וועט געבויעט ווערען איין בית המקדש אונ עס וועט אן גערופען ווערין בית דוד אזוי האט ער גלייך געשיקט צו ארונה היבוסי ער זאלל איהם דעם פלאטץ מיט דעם בארג מוריה פאר קויפען . האט ארונה ניט געוואלט פאר קויפען. אזוי האט דוד המלך מיט איהם קריג געפיהרט אונ האט דעם פלאץ מיט דעם בארג מוריה עראבערט אונ האט אויף געשטעלט איין גרויסען טהורם אויף איין אנדענקען אונ האט איהם גערופען מגדל דוד אונ האט באלד געהייליגט

דיא גַאנְצֶע שְׁטָאט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר דָוִד.

דֶער 3. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר צִיּוֹן וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה גֶעקוֹיפְט דֶעם פְּלַאטְץ צִיּוֹן פוּן אֲרַוְנָה עֶר הָאט שׁוֹין יֶעצְט פַאר אִיהְם פוּרְכְט גֶעהַאט אַזוֹי הָאט עֶר אִיהם דֶעם פְּלַאץ צִיּוֹן פַאר קוֹיפְט פִיר פִּיל גֶאלְד דַאמָאלְס הָאט מֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען קֵיין קָאנְטְרַאקְטֶען נָאר עֶס אִיז גֶעוֶועהן דֶער מִנְהָג דֶער וָואס הָאט גֶעקוֹיפְט אַיין פְּלַאטְץ הָאט גְלַייךְ גֶעמוֹיעֶרְט אוֹיף בּוֹיעֶן אֵיינֶע גֶעבֵּיידֶע. אַזוֹי הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה אַיין נֵייעֶם טְהוּרְם אוֹיף גֶעבּוֹיעט פַאר אַיין צֵייכֶען. אוּנ הָאט אִיהְם גֶערוּפֶען מִגְדַל צִיּוֹן. אוּנ הָאט בַּאלְד דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאדְט גֶעהֵיילִיגְט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר צִיּוֹן.

דֶער 4. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר יְהוֹשָׁפָט. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט צוּ טֵיילֶען זִיךְ דִיא טָאהלֶען. פוּן אֵיין זַייט אִיז דֶער טָאהל יְהוֹשָׁפָט. אִין דֶער אַנְדֶערֶער זַייט גֶעהט אֵיין וַואסֶער וָואס עֶס הֵייסְט נַחַל קִדְרוֹן. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה דֶעם טוֹיעֶר גֶערוּפֶען שַׁעַר יְהוֹשָׁפָט.

דֶער 5. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הַשְּׁבָטִים. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט יְהוֹשֻׁעַ דָאס לַאנְד צוּ טְהֵיילְט צוּ דִיא 12 שְׁבָטִים עַל פִּי גוֹרָל, וָואס דֶער גוֹרָל הָאט אַרוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען אִיךְ בִּין פוּן דֶעם שֵׁבֶט אוּנ יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהֵיילִיגְט דָאס אָרְט מִיט דֶער גַאנְצֶער שְׁטָאט. אִיבֶּער דֶעם הָאט שְׁלמֹה הַמֶּלֶךְ ע"ה גֶערוּפֶען דֶעם טוֹיעֶר שַׁעַר הַשְּׁבָטִים.

דֶער 6. טוֹיעֶר הָאט גֶעהֵייסֶען שַׁעַר הָעַמּוּדִים. וַוייל אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט דָאס טַייעֶרֶע הָאלְץ אוֹיף דִיא צְווייא גְרוֹיסֶע זַיילֶען וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. אֵיין זַיילֶע הָאט גֶעהֵייסֶען יָכִין. אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע הָאט גֶעהֵייסֶען בּוֹעַז. אוּנ אוֹיף דֶעם אָרְט הָאט מֶען דִיא זַיילֶען גֶעאַרְבֵּייט. אוֹיךְ אִיז

בייא דעם טויער געמאכט צווייא זיילען. אויף איין אנדענקען· אונ מען האט דאס ארט אונ דיא גאנצע שטאט ירושלים געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער העמודים.

דער 7. טויער האט געהייסען שער האריות. ווייל אויף דעם ארט האט דניאל ע״ה געבעטען צו גאט ברוך הוא ווען דער מלך נבוכדנצר האט איהם געהייסען ווארפען אין לייבען גרוב, אונ דער נאך אז ער איז ניצול געווארען פון דיא לייבען. איז ער געקומען אויף דעם ארט אונ האט דאס ארט מיט דער גאנצער שטאט געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך דעם טויער גערופען שער האריות.

דער 8. טויער האט געהייסען שער שכם. ווייל אויף דעם ארט האבען דיא ברידער שמעון ולוי אין איין הייל אונטער דער ערד בעהאלטען דאס גאלד אונ זילבער וואס זייא האבין ערראבערט פון דער שטאט שכם. ווען זייא האבען זייא אוים געהרגעט פאר זייער שוועסטער דינה. אונ האבען דאס ארט אונ דיא גאנצע שטאט געהייליגט אונ דאס גאלד אונ זילבער האבין זייא מקדיש געוועהן אויף איין בית המקדש אונ דוד המלך ע״ה האט דאס אויף געגראבען. אונ האט דאס גאלד אונ זילבער בעהאלטען צווישען דעם גאלד וואס האט גיהערט צוא דעם בית המקדש. איבער דעם האט שלמה המלך עליו השלום דעם טויער גערופען שער שכם.

דער 9. טויער האט געהייסען שער המים. ווייל אויף דעם ארט האט מען געגרינדעט דיא מאשינען פון דער וואסערלייטונג וואס איז געוועזען אין דער גאנצער שטאט ירושלים אונ אונטער דעם בית המקדש. אזוי וויא איך וועל ווייטער שרייבען בייא דעם בית המקדש. האט מען דאס ארט אין דיא גאנצע שטאט געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער המים.

דער 10. טויער האט געהייסען שער יכניה. ווייל דער קעניג יכניה איז געקומען דאס ערשטע מאהל קיין ירושלים. איז ער געקומען ביז דעם ארט. אונ האט ווייטער ניט געקענט געהן. אונ ער האט געמוזט צוריק קעהרין. האט מען דאס ארט מיט דער גאנצער שטאט געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער יכניה.

דער 11. טויער האט געהייסען שער יפו. ווייל די טאהלין נעבען דעם טויער זענען געוועהן זעהר שיין. אונ זעהר גוט. האבען אלע יודען נאר גערוהט בייא דעם טויער. אונ ווייל דער שאטין איזגעוועזען זייער געשמאק אונ זייער גוט. האבין זייא דעם טויער צום שענסטען פאר צירט אונ האט דאס ארט אונ דיא גאנצע שטאט געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך ע״ה דעם טויער גערופען שער יפו.

דער 12. טויער האט געהייסען שער הבכורות. ווייל אויף דעם ארט האט יעקב אבינו ע״ה אפ געקויפט דיא בכורה בייא זיין ברודער עשו פאר דיא אוים געזאטענע ארבים. האט יעקב אבינו ע״ה באלד דאס ארט מיט דער גאנצע שטאט געהייליגט. איבער דעם האט שלמה המלך עליו השלום דעם טויער גערופען שער הבכורות.

## 3.

דיא גאסען פון ירושלים. אוים דער בעשרייבונג פון נרבן הרומי. דיא גאסען וואס זענען אין דער היך איז געוועהן 9 אונ דיא גאססען וואס זענען אין טאהלען זענען געוועהן 2636 געהייסען האבען זייא נאך דעם אלף בית אונ נאך דעם א״ת ב״ש.

דיא 1. גאססע האט געהייסען רחוב העליון. דיא גאססע איז געוועזען דיא העכסטע גאססע פון גאנץ ירושלים. איבער דעם האט מען דיא גאססע גערופען רחוב העליון דאס איז טייטש אייבערשטע גאססע.

דיא 2. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הָעֲסָקִים, אִין דֶער נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועֶן אֵיין אָרְט עֶקְסְטִיר וָואס אַלֶע גֶעשֶׁעפְטִין פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט הָאבֶּען גֶעמוּזְט דָארְטֶען גֶעשְׁלָאסֶען וֶוערְדֶען. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא נַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הָעֲסָקִים דָאס אִיז טַייטְשׁ נַאסְסֶע פוּן גֶעשֶׁעפְטִין.

דיא 3. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַבְּשָׂמִים אִין דֶער נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועֶן דֶער הַאנְדֶעל פוּן בְּשָׂמִים, פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט אַז מֶען אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם הַאנְדְלֶען בְּשָׂמִים הָאט מֶען נָאר דָארְט גֶעהַאנְדֶעלְט, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא נַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַבְּשָׂמִים, דָאס אִיז טַייטְשׁ נַאסְסֶע פוּן בְּשָׂמִים.

דיא 4. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַחֲתָנִים, אִין דֶער נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועֶן עֶקְסְטְרֶע גֶעבֵּייְדֶען אוֹיף הַחֲתוּנוֹת צוּ מַאבֶען רַייכֶע אוּנ אָרֶעמֶע כַּלּוֹת אוּנ חֲתָנִים הָאט מֶען אַלֶע דָארְט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא נַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַחֲתָנִים דָאס אִיז טַייטְשׁ נַאסְסֶע פוּן חֲתוּנוֹת.

דיא 5. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַיְרָקוֹת. אִין דֶער נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועהֶן דֶער גְרוֹיסֶער מַארְק פוּן אַלֶע גְרִינְצַיינֶע. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא נַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַיְרָקוֹת דָאס אִיז טַייטְשׁ נַאסְסֶע פוּן גְרִינְצַייג.

דיא 6. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הָאוֹרְחִים. אִין דֶער נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועֶן עֶקְסְטְרֶע הַייזֶער וָואס אַלֶע אוֹרְחִים פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם זֶענֶען זַייא דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען מֶען הָאט זַייא גֶעגֶעבֶּען בֶּעט-צַייג מִיט אַלֶער בֶּעדִינוּנג אוּמְזָאנְסְט, לוֹיט יוּדִישֶׁער גֶעזֶעטְצֶע הָאט מֶען נִיט בֶּעדַארְפְט צוּ נֶעמֶען גֶעלְד, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא נַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הָאוֹרְחִים, דָאס אִיז טַייטְשׁ נַאסְסֶע פוּן אוֹרְחִים.

דיא 7. נַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַשְּׂמָחוֹת. דִיא נַאסְסֶע אִיז גֶעוֶועֶן נֶעבֶּען בֵּית עָלְמִין. אַז מֶען אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען פוּן

דֶעם בֵּית עָלְמִין, הָאט מֶען אוֹיף דֶער גַאסְסֶע גֶעמַאכְט דִיא שוּרָה וָואס דֶער אָבֵל ר"ל גֶעהט דוּרְךְ נָאךְ הַלְוָית הַמֵּת, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַשְּׂמָחוֹת מִיר זָאלְלֶען הָאבֶּען פְרֵייד.

דִיא 8. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַקְדָרִים דָארְט אִיז גֶעוֶוען דֶער הַאנְדֶעל פוּן אַלְלֶע טֶעפֶּער, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַקְדָרִים. דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן טֶעפֶּער.

דִיא 9. גַאסְסֶע הָאט גֶעהֵייסֶען רְחוֹב הַדָגִים. אִין דֶער גַאסְסֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער מַארְק פוּן פִישׁ, אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דִיא גַאסְסֶע גֶערוּפֶען רְחוֹב הַדָגִים. דָאס אִיז טַייטְשׁ גַאסְסֶע פוּן פִישׁ.

## 4.

### ווירד פאר נעשטעלט דאס הויז וואס מען האט אויף גענומען דיא עדות לקידוש החודש.

אִין דֶעם הוֹיז וָואס מֶען הָאט דִיא עֵדוּת אוֹיף גֶענוּמֶען לְקִידוּשׁ הַחוֹדֶשׁ זֶענֶען גֶעזֶעסֶען אַטְהֵייל פוּן דִיא סַנְהֶדְרִין וואו זַייא הָאבֶּען אוֹיף גֶענוּמֶען דִיא עֵדוּת וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זָאגֶען אַז זַייא הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אוֹיף גַיין דִיא נַייֶע לְבָנָה, מֶען זָאל וִויסֶען פִּינְקְטְלִיךְ וֶוען דֶער מוֹלָד אִיז אוּנ וֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיז, אוּנ מֶען זָאלל וִויסֶען וֶוען עֶס גֶעפַאלְט יוֹם טוֹב, ווייל דַאמָאלְס אִיז מֶען נִיט בֶּעקַאנְט גִיוֶועהן אִין דִיא חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן מוֹלָדוֹת נָאר דוּרְךְ דִיא עֵדוּת הָאט דָאס בֵּית דִין מְקַדֵשׁ גֶעוֶועהן דֶעם נַייֶעם חוֹדֶשׁ.

## 5.

### ווירד פאר נעשטעלט דער טורם, אדער דאס גיוועהר הויז וואס מען האט עס גערופען מגדל אַנטונינוס מאַרקוז.

דָאס גִיוֶועהר הוֹיז פוּן דִיא יוּדֶען הָאבֶּען דִיא חַשְׁמוֹנָאִים גֶעגְרִינְדֶעט אוּנ הָאבֶּען דָארְט גֶעהַאלְטֶען דִיא קְלֵיידֶער פוּן דֶעם

כהן גדול, נאך דעם האט דער מלך הורדוס דעם טורם פאר בעסערט, אז דער טורם זאל שיצען דאס בית המקדש, אונ האט געמאכט גאנץ אויבען איין קאניגליכע וואהנונג אונ האט דעם טורם גערופען מגדל אנטונינוס מארקוז. אויף דעם נאמען זיין פריינד אנטונינוס, זאהן אפיפיוס קייזער פון רום.

## 6.

ווירד פֿאר געשטעלט דער גרויסער פאליץ פֿון דעם קעניג הורדוס.

דער פאליץ פון דעם קאניג הורדוס איז געשטאנען 2000 איילען פון דעם טורם אנטונינוס 4 שטאק הויך אונטען איז געוועזען דער גרויסער שפאציר פאר דיא הערן וואס האבען באדארפט צום קעניג, דארט איז געוועזען גרויסע ווייסע מערמיל שטיינערנע זיילען אונ מערמיל שטיינערנע שטיגען מיט טייערע פארציערונגען, דאס האט געהייסען דיא ווארט זאאלע, אונ איבער דיא טייערע וואהנונגען איז געוועהן צוויי גאלדענע דאכער וואס דארט האט געוואונט דער קעניג הורדוס.

## 7.

ווירד פֿאר געשטעלט דיא קינצלערישע וואסערלייטונג
פֿון דער שטאדט ירושלים.

אונטער דער ערד פון דער גאנצער שטאדט איז געוועזען זאלכע קאנאלען וואס האבען זיך באגעגנט איינער מיט דעם אנדערן, זייא זענען געוועזען פאר פעסטעט מיט בלייא אונ אויבען מיט ערד, דיא וואסערן זענען ארויף געגאנגען גאנץ הויך, דאס וואסער האט מען באניצט צו דעם בית המקדש אפ צו וואשען דיא בריק פון דעם בלוט פון דיא קרבנות, איבער הויפט האט דיא וואסער לייטונג געשיצט דיא דרייא פעסטונגען וואס זענען געשטאנען ארום דיא מויערן פון ירושלים, אז דער פיינד איז געשטאנען אויף איין ארט 22 יאהר אונ האט זיך געשלאגען מיט דיא יודען, אונ האט ניט געקענט אריין קומען אין דער שטאט עס איז געוועזען זאלכע בעהאלטענע ריגעל וואס עס האט קיין

אֵיינְצִיגֶער נִיט גֶעוואוּסט דִיא אֶפְנוּנְג, נָאר דִיא כֹּהֲנִים אוּנ לְוִיִם. וֶוען דֶער פַּיינְד אִיז שׁוֹין נָאר אַרוֹיף אוֹיף דֶעם פֶּעסְטוּנְג הָאט מֶען דִיא גֶעהַיימֶע רִינֶעל אַרוֹים גֶעצוֹיגֶען הָאט זִיךְ גֶעפִינְט דִיא נַאנְצֶע וַואסֶער לֵייטוּנְג, וָואס הָאט גֶעצוֹיגֶען וַואסֶער פוּן דֶעם טַייךְ וָואס מֶען רוּפְט אִיהְם נַחַל קִדְרוֹן, וָואס עֶר שְׁלִיסְט זִיךְ מִיט דֶעם גְרוֹיסֶען מֶעער, אַזוֹי הָאט דָאס וַואסֶער בַּאלְד פַּאר־טְרוּנְקֶען דֶעם נַאנְצֶען פְּלַאטְץ מִיט דִיא מֶענְשֶׁען אוּנ דָאס גֶעוֶועהר. בִּיז אִין צְוַויא שְׁטוּנְדֶען הָאט מֶען נִיט אָן גֶעזֶעהֶען וִויא דָאס נַאנְצֶע חַיִל אִיז אַהִין גֶעקוּמֶען, אוּנ דֶער נָאךְ הָאבֶען זַייא גֶעהַאט אֵיינֶע אֶפְנוּנְג וָואס מֶען הָאט דָאס וַואסֶער אָפּ גֶעלָאזְט.

8.

ווירד פָאר געשטעלט דער גרויסער טורם פון אַנטיוכוס.

דֶער טוּרְם פוּן אַנְטִיוכוּס, אִיז גֶעוֶוען צוּ שִׁיטְצֶען פַּאר דֶעם פַּיינְד, דֶער טוּרְם אִיז גֶעוֶוען מִיט שְׁטֵיינֶער פוּן 40 אֵיילֶען הוֹיךְ, אוּנ מִיט פֶּערְשִׁיעדֶענֶע גִיוֶועהְרִין, דָארְט הָאט מֶען גֶעהַאלְטֶען דִיא אַלֶע זַאכֶען וָואס מֶען הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען בַּייא דֶעם פַּיינְד.

9.

ווירד פָאר געשטעלט דער רוימישער פַּאלִיץ מיט דעם רעמישען קאָנסול.

בַּייא דֶעם צְוַוייטֶען בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז שׁוֹין דִיא שְׁטָאדְט יְרוּשָׁלַיִם גֶעוֶועזֶען אוּנְטֶערן שׁוּטְץ פוּן דֶעם רוֹימִישֶׁען קֵייזֶער, אוּנ עֶר הָאט דָארְט גֶעהַאלְטֶען אֵיין קָאנְסוּל.

10.

ווירד פָאר געשטעלט דיא געווינערין הייזער.

עֶס אִיז גֶעוֶועזֶען 40 הַייזֶער וָואס דִיא וַוייבֶּער פוּן דִיא כֹּהֲנִים אַז זַייא הָאבֶען בַּאדַארְפְט צוּ הָאבֶען דִיא קִינְדֶער זֶענֶען זַייא גֶעקוּמֶען אִין דִיא הַייזֶער אוּנ הָאבֶען דָארְט גֶעהַאט דִיא קִינְדֶער אוּנ מֶען הָאט זַייא דָארְט אוֹיף גֶעצוֹיגֶען בִּיז 8 יָאהְר,

מֶען הָאט זִיךְ מִיט דִיא קִינְדֶער בֶּעדִינְט צוּ דֶעם אַש פוּן דֶער פָּרָה אֲדוּמָה אוּנ סוּכּוֹת צוּ נִיסוּךְ הַמַיִם.

## 11.

### ווירד פאַר געשטעלט דיא טעבנישע הייזער.



עֶס אִיז גֶעוֶועז 20 הַייזֶער וָואס מֶען הָאט דָארְט גֶעלֶערְנְט פֶערְשִׁיעדֶענֶע מְלָאכוֹת, אוּנ אִיבֶּערְהוֹיפְּט הָאט מֶען דָארְט

געלערנט שיסען, ציעלען מיט איין פייל, דען עס איז געוועזען דיא געזעטצע אז איין יונגער כהן האט געוואלט ווערען איין מיט־גליעד ער זאל מאכען דיענסט מיט דיא כהנים, האט ער געמוזט ביא לעגען אנזאמען פון געשיקליכקייט, איז געוועזען דארט איין הויכער טורם פון 100 איילען, איז אויף דעם טורם געשטאנען איין כהן אונ האט געהאלטען איין האר אין דער האנד אונ אז דער יונגער כהן האט פון אונטען געציעלט אין דער האר אונ האט דיא האר מיט דער פייל געשפאלטען האט מען איהם שוין צו גענומען צו דיא כהנים, אונ אז ניט האט ער געמוזט צוריק געהן צו דיא פרחי כהונה, אונ האט געווארט ביז יו״ט, דען דיא פראכע האט מען אללע יו״ט געמאכט, ווען מען איז געקומען עולה רגל זיין האט מען באדארפט מעהר כהנים ווייל עס איז געקומען מעהר מענשען פון דיא גאנצע וועלט מקריב זיין קרבנות.

## 12.

### ווירד פאר געשטעלט דיא שפיטאלער.

עס איז געוועזען 40 קראנקען הייזער פאר ארעמע אונד רייכע, מיט אללע פערשיעדענע דאקטוירים מיט אפטייקען מיט פיעל רעטונג פיר צופאל עס זאל שנעלל צו געהן.

## 13.

### ווירד פאר געשטעלט דיא יתומים הייזער.

עס איז געוועזען 12 ווייזען הייזער, דאס הייסט פאר ארעמע יתומים, בלינדע שטומע אונד קרומע, מען האט זייא פערזארגט מיט אללע באדערפניש ביז זייא זענען געזונד געווארען, אונ ביז זייא זענען אהיים געגאנגען, האט מען דארט זייא גיפלעגט.

## 14.

### ווירד פאר געשטעלט דיא בתי מדרשים.

400 בתי מדרשים איז געוועזען אין ירושלים, גרויסע ישיבות

מִיט רַבָּנִים אוּנ פַּאר מִיטְלֶע, אוּנ פַּאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶועןְ עֶקְסְטִיר.

15.

ווירד פאָר געשטעלט דער הר הזיתים.

2000 אֵיילֶען וַוייט פוּן יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען דֶער אַלִיוֶוענ־בֶּערְג, דָאס אִיז דֶער הַר הַזֵיתִים. אוֹיבֶען אוֹיף דֶעם בַּארְג אִיז גֶעוֶוען אֵיין עֶקְסְטִיר אָרְט צוּ פַּאר בְּרֶענֶען דִיא פָּרָה אֲדוּמָה. צוּ דֶעם אַשׁ הָאט מֶען בֶּענִיצְט דִיא קִינְדֶער פוּן דִיא כֹּהֲנִים פָאר 8 יָאהְר, וָואס מֶען הָאט זֵייא אוֹיף גֶעצוֹיגֶען אִין דִיא קְלֵיינִיקֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיבֶען גֶעשְׁרִיבֶּען. זֵיי הָאבֶּען גֶעטְרָאגֶען דָאס אַשׁ אִיבֶּער דֶער קִינְצְלִירְשֶׁער בְּרִיק, עֶס זָאל נִיט שַׁאדֶען קֵיין קֶבֶר הַתְּהוֹם. דֶען אֵיין קֶבֶר פוּן אֵיין מֵת אִיז מְטַמֵּא דָאס אַשׁ, אוּנ דִיא בְּרִיק וֶועל אִיךְ וַוייטֶער בֶּעשְׁרַייבֶּען.

16.

ווירד פאָר געשטעלט דיא הייליגע קברים וואס זענען ארום דעם הר הזיתים. פון דיא נביאימס צייטען ביז היינטיגען טאג.

1. קִבְרֵי מַלְכוּת בֵּית דָּוִד אוֹיף דֶעם בַּארְג צִיּוֹן. 2. דֶער קֶבֶר פוּן חוּלְדָּה הַנְּבִיאָה ע״ה. 3. דֶער קֶבֶר פוּן רַבֵּינוּ מָרְדְּכַי. 4. דֶער קֶבֶר פוּן רַבֵּינוּ קְלוֹנִימוּס (עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט מֶען זָאל אִיהְם נָאךְ זַיין לֶעבֶּען פַארְשְׁטֵיינֶען זָא הָאט מֶען עֶס אוֹיךְ גֶעטְהוּן). 5. קֶבֶר פוּן הָרַב גֵּט פָּשׁוּט. 6. דֶער שְׁטֵיין וָואס דִיא כַּשְׂדִּים הָאבֶּען אוֹיף אִיהְם גֶעשָׁאכְטֶען (אָהנֶע צָאהל) יוּדִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דֶעם בְּלוּט פוּן זְכַרְיָה הַנָּבִיא. 7. דֶער גְּרוּבּ (וָואס מֶען הָאט דָארְט אַוֶועק גֶעגָאסֶען בְּלוּט פוּן דִיא קָרְבָּנוֹת) אָדֶער פוּן דִיא הֲרוּגִים פוּן נְבוּזַרְאֲדָן. 8. דָאס קֶבֶר פוּן הָאִשָּׁה בֵּיילָא אֵשֶׁת הַגָּאוֹן בַּעַל הסמ״ע. 9. דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בַּעַל זֶבַע אַבְרָהָם. 10. דָאס פְּרַייהוֹיז פוּן עוּזִיָּהוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזֶען

מְצוֹרָע (דָאְרְט אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען בִּיז זַיין שְׁטַארְבֶּען). 11 דָאס קֶבֶר פוּן עוּזִיָהוּ אִין זַיינֶעם גַארְטֶען. 12 דֶער דֶענְקְמַאהל פוּן אַבְשָׁלוֹם וָועלְכֶעס עֶר הָאט אִיהְם זִיךְ פָאר בֶּערֵייטֶעט בַּייא זַיין לֶעבֶּען. 13 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב מהר"ם גַאלַאנְטִי. 14. דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַגָאוֹן מהר"ת אַבוּלַפְיָא. 15 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב דִי לוֹנְזַאנוֹ. 16 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי חָדָשׁ. 17 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי תוֹאַר. 18 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב חָזוֹן נַחוּם. 19 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בָּתֵּי כְהוּנָה. 20 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב אַדְמַת הַקוֹדֶשׁ. 21 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי הָאָרֶץ. 22 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב פְּרִי הָאֲדָמָה. 23 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב שְׁמַע יַעֲקֹב. 24 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב נֶחְפָּה בַּכֶּסֶף. 25 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב גֶט מְקוּשָׁר. 26 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בֵּית לֶחֶם יְהוּדָה. 27 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַמוּפְלָג ח"ק מהר"ח ן' עָטָר. 28 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב ר' גְדַלְיָהוּ חַיוֹן. 29 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב מו"ה שָׁלוֹם שַׁרְעַבִּי. 30 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַגָדוֹל מו"ה אַבְרָהָם חֲנַנְיָה תַּלְמִידוֹ שֶׁל מהרי"ט הַזָקֵן. 31 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב בַּעַל קָרְבַּן אַהֲרֹן. 32 דָאס קֶבֶר פוּן זַיין זָאהן מו"ה דָוִד ז"ל. 33 דָאס קֶבֶר פוּן הָרַב הַצַדִיק מו"ה גֵרְשׁוֹן ז"ל קִיטִיבִיר (וְנֶכְדוֹ). 34 דִיא הַייל פוּן ר' יְהוּדָה הַחָסִיד. 35 דִיא הַייל פוּן דִיא נְבִיאִים חַגַי זְכַרְיָה וּמַלְאָכִי. 36 דָאס קֶבֶר פוּן יְשַׁעְיָה הַנָבִיא. 37 דִיא הַייל פוּן כַּלְבָּא שָׂבוּעַ. 38 דִיא הַייל פוּן נַקְדִימוֹן בֶּן גוּרְיוֹן. 39 דִיא הַייל פוּן שִׁמְעוֹן הַצַדִיק. 40 דִיא הַייל פוּן 70 סַנְהֶדְרִין. 41 דִיא הַייל פוּן בִּנְיָמִין בֶּן יַעֲקֹב אָבִינוּ. 42 דִיא הַייל פוּן קִישׁ אוּנְד זַיין זוּהן שָׁאוּל אוּנְד יְהוֹנָתָן.

## 17.

ווירד פֿאַר געשטעלט דער בּאַרג ציון וואָס דוד המלך ע"ה האָט געקויפֿט בּייא אַרונה אונ דיא מויערן פֿון ציון מיט דיא 4 טויערן.

40 אַרוּם דֶעם בַּאַרְג צִיוֹן אִיז גֶעוֶועזֶען אַיין הוֹיכֶע מוֹיֶער פוּן

אײלען דיק אין מִזְרח זײט אונ אין דָרום זײט איז גְעװעזען פִיער טױערן. דָעם עֶרְשְׁטֶען טױער הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גְערוּפֶען הַמּור װײל דֶער װעג הָאט גֶעפִירְט צוּ דֶעם בַּארְג מוֹרִיָה.

דֶעם 2 טױער הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גְערוּפֶען שַׁעַר צִיוֹן, װײל דוּרְךְ דֶעם טױער איז גֶעװעזען דֶער הױפְּט גַאנְג צוּא דֶער שְׁטָאדְט צִיוֹן.

דֶעם 3 טױער הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ גְערוּפֶען יְרִיאֵל אָדֶער עֲזָאזֵל, װײל דֶער װעג דוּרְךְ דֶעם טױער איז גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מִדְבָּר יְרִיאֵל װאס מֶען הָאט אַהִין גֶעפִירְט דֶעם שָׂעִיר הַמִשְׁתַּלֵחַ אוּם יוֹם כִּפּוּר לַעֲזָאזֵל.

דֶעם 4 טױער הָאט מֶען גֶערוּפֶען שַׁעַר חַטָאת װײל דוּרְךְ דֶעם טױער הָאבֶען דיא יוּדֶען דֶעם קָרְבַּן חַטָאת גֶעבְּרַאכְט אין בֵּית הַמִקְדָשׁ אַרײן.

## 18.

### װירד פֿאר געשטעלט דער פאליץ פֿון שלמה המלך ע״ה
### װאָס ער האָט געהײסען בית יער הלבנון.

דֶער פַּאלִיץ הָאט גֶעהֵײסֶען בֵּית יַעַר הַלְבָנוֹן. נִיט װײל עֶר איז גֶעשְׁטַאנֶען אין װאלְד לְבָנוֹן, נָאר װײל דֶער פַּאלִיץ איז גֶעװעזען אַזױ קִינְצְלֶערִישׁ גֶעמַאכְט װָאס מֶען קֶען נָאר נִיט בֶּעשְׁרַײבֶּען זַײן שֶׁאנְקֵײט אונ דיא שֶׁאהְנֶע בֵּײמֶער װָאס עֶס הָאט אַרוּם דֶעם פַּאלִיץ גֶעװַאקְסֶען. עֶר איז גֶעװעזען גֶעבּױעט מִיט זֶעהר פִיעל טַײעֶרֶע מַארְמָאר שְׁטֵײנֶערְנֶע זַײלֶען מִיט גָאלְדֶענֶע גֶעזִימְסֶען װָאס עֶס הָאט אַזױ גֶעבְּלֶענְדֶעט דיא אױגֶען װיא אַײן שֶׁאהן װַאלְד. אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם פַּאלִיץ גֶערוּפֶען בֵּית יַעַר הַלְבָנוֹן.

## 19.

### ווירד פאר געשטעלט דיא וואהנונג וואס שלמה המלך האט געוואהנט, מיט דעם ווארט זאלע.

דער פאלין וואס שלמה המלך האט געוואהנט האט געהאט 4 שטאק. אין פראנט איז געוועזען איין ווארטזאלע פון 50 איילען לאנג אונ 30 איילען ברייט. אין דיא זאלע האבען געווארט דיא מענשען וואס האבען געהאט משפטים ביא דיא סנהדרין. פון דער זאאלע זענען זייא דורך געגאנגען דורך דעם טייערען גארטען, אזוי וויא עס ווירד ווייטער בעשריבען זיין אונ פון דעם גארטען זענען זייא אריין געקומען צו דיא סנהדרין. אין דער ווארטזאאלע איז געוועזען אויף דעם סאפיט אויסגעשניצט אללע 12 מזלות, אונ אויף דיא וואנד איז געוועזען אויסגעשניצט אללע באשעפענישען פון דער גאנצער וועלט, חיות, עופות, אונ אויך אללע באשעפענישען פון דעם ים, אונ יעדעם באשעפעניש וויא אזוי עס ווערט געבוירען, אונ וויא עס ווערט פאר לוירען. אונ אויך דער מענש וויא ער ווערט געבוירען, אונ וויא ער ווערט פאר לוירען. דער מענש וואס איז געוועזען אין דיא ווארט־זאאלע האט ער גיקאנט קוקען 3 טאג אונ זיך ניט זאט אן קוקען. דאס איז דאדורך געמאכט געווארען דער מענש זאל זיך איין מוסר ארויס נעמען אונ זאל ניט פארלאנגען קיין גזילה אונ זאל עהרליך טענה'ן, אונ אויך אז ער האט זיך פאר קוקט אויף דיא וואונדערבארע זאכען האט ער פארגעססען פון זיין משפט. אונ דיא טענות וואס ער האט זיך אויס געשטעלט האט ער פאר־געססען אונ באלד האט מען איהם גערופען צום משפט האט ער שוין געמוזט טענה'ן דעם אמת.

## 20.

### ווירד פאר געשטעלט דיא קינצלערישע שטיגען וואס זענען געווען בייא דער ווארטזאלע.

אין דער ווארט-זאלע איז געווען שטיגען ארויף צו געהן צו שלמה המלך. דיא שטיגען האט מען אבער גאר ניט אן געזעהען. דיא ווענט זענען געווען גאנץ פערמאכט, נאר עס איז געווען אין דער וואנד איין קנאפ מיט איין געשטאלט פון איין קאלביל, האט מען דארט איין דריק געטהון האט זיך גיעפינט איין שטיינערנע טרעפ פון איין האלבע איל ברייט אונ אנדערהאלבען איילען לאנג. אונ וויא ער איז ארויף געשטיגען אויף דער אנדערע טרעפ האט זיך דיא דריטטע גיעפינט. אונ דיא צווייטע האט זיך אונטער איהם אויף געשטעלט בכדי ער זאל ניט ארונטער פאלען. אונ בייא דער פירטער טרעפע האט זיך שוין דיא ערשטע גאנצליך פאר מאכט. אזוי זענען געוועהן דיא טרעפין געמאכט ביז אויף דעם פירטען שטאק, אונ אז עס איז געווען פיעל מענשען האט מען גיקענט עפענען אללע שטיגען.

## 21.

### ווירד פאר געשטעלט דער געריכטס זאאל פון שלמה וויא דיא סנהדרין זענען געזעסען.

דיא זאאל וואס דיא סנהדרין זענען געזעסען האט געהאלטין 30 איילען לאנג אונ 20 איילען ברייט. איין זייט פון דעם זאאל איז געווען האלב רונד. ווייל דיא סנהדרין זענען געזעסען האלב רונד. אונ געגען זייא זענען געשטאנען דיא בעלי דינין אונ תלמידי חכמים. פערצופאל אז עס איז ח"ו פארגעפאלען מען האט בעדארפט איינעמס שטעלע צו פערטרעטען. איז געוועהן אן בעגרייט תלמידי חכמים. אונ צווייא טריבונאל שרייבער. וואס

זייא האבען געשריבען דיא טענות. אונ וואס דיא עדות האבען געזאגט. אונ דעם פסק וואס מען האט ארויס געגעבען.

## 22.

### ווירד פאר געשטעלט דער וואונדערבארער גארטען פון שלמה המלך.



צווישען דעם וואָרט־זאַאַלע אונ דעם געריכט זאַאַלע איז געווען דער גארטען. אין דעם גארטען האט געוואקסען פערשידענע קרייטער מיט דיא גראזען וואס האבען ענטדעקט אלע געהיימניסע פון דעם מענטש. וואס ער האט געוואלט פאר לעגען פאלשע טענות. היינו אז ער האט זיך אנגעגרייט פאלשע טענות כדי ער זאל געווינען דאס משפט. אז ער איז דורך געגאנגען דיא קרייטער מיט דיא גראזען. האט ער פאר געסען זיינע פאלשע

טענות. אונ אז ער איז געקומען פאר דיא סנהדרין האט ער געפלוידערט וואס עס האט גאר ניט גיקערט צו דעם משפט. האט מען שוין פאר שטאנען אז ער האט געוואלט פאלש טענה'ן דען דיא קרייטער מיט דיא גראזען האבען איהם דעם קאפ פאר דרייט. אונ אז איינער האט אזוי געטהון דריי מאל איז ער גענצליך משוגע געווארען. אז עס האט איהם קיין דאקטאר ניט גיקענט העלפען.

## 23.

ווירד פאר געשטעלט דיא בלאטער פון דעם גארטען
וואס דיא סנהדרין האבען בעניצט.



אין דעם גארטען וואס איך האב אויבען בעשריבען האט געוואקסען זאלכע בלעטער אז יעמאנד האט געוואלט פאלש שווערען. פאר דער שבועה האט דער גראסטער פון די סנהדרין גענומען איין בלאט אין דיא האנד אריין אונ האט איהם פאר געלייענט דיא גאנצע פאר שריפט פון דער שבועה אז ער זאל וויסען אז ער וועט בעשטראפט ווערען עקסטער פאר דעם וואס עם וועט דורך איהם פאר דארבען ווערין אזוי איין טייער בלאט אונ אז ער האט דאס אבער ניט געהערט אונ האט דיא שבועה אן גענומען. האט מען איהם ווידער פאר געלייענט שוין די גאנצע שבועה. אז ער שווערט ביא דעם גאט ברוך הוא וואס ער האט דיא גאנצע וועלט הימעל אונ ערד אונ אלע באשעפענישען פון דער וועלט בעשאפען. אונ דער גרעסטער פון דיא סנהדרין האט איהם דאס בלאט אין דיא הענד געגעבען אונ אזוי וויא ער האט איין געפאסט אין זיין האנד דאס בלאט איידער ער האט נאך אן געהויבען צו שווערין. אימפאל ער האט געוואלט פאלש שווערין, איז דאס בלאט תיכף פאר ענדערט געווארען אונ אלע פארבען זעהר פאר דארבען אונ דאס בלאט האט זיך באלד בייא איהם אין דער האנד צו זאמען געראלט אזוי וויא איין שטעקען האט מען שוין געזעהען ער וויל פאלש שווערין. האט מען איהם שוין גענומען אונ איין געשלאסען תפוס ביז מען האט איהם דן געוועזען.

## 24.

ווירד פאר געשטעלט דיא רויזען פון דעם גארטען.

אז עס איז פאר געקומען פאר דיא סנהדרין איין משפט פון ברידער וואס האבען איינעם פון דיא ברידער געוואלט אוים שטויסען פון ברודער שאפט. זייא האבען גע-טענה'ט אז ער איז ניט קיין ברודער. האט מען זייא דורך געפיהרט דורך דיא רויזען. וויא באלד ער איז ניט געוועזען קיין ברודער האבען זיך

דיא בלאטליך פון דיא רויזען אפ געשייט איינס פון דעם אנדערן האט מען תיכף ערקענט אז ער איז ניט קיין ברודער. אונ אז דיא בלאטליך האבען זיך ניט אפ געשייד אונ זענען געבליבען אזוי וויא זייא זענען געווען האט מען געוואוסט אז ער איז אמת איין ברודער.



26.

ווירד פאר געשטעלט דיא סגולות פון דעם גארטען.

אז איינע האט ניט געהאט קיין קינדער אדער זיא האט שווער קינדער אויף געצויגען. אדער אז איהר מאן איז אוועק פון איהר מעבר לים אונ זיא האט ניט געוואוסט אויב ער לעבט. איז געווען אין דעם גארטען זאלכע קרייטער וואס עס האט געהיילט אונ האט געהאלפען צוא אלעם אין דער וועלט. דיא קרייטער האבען אין זיך געהאט איין כח המושך. וואס עס האט געקענט בעציהען איין מענש פון עק וועלט מיט גרוים ישוב הדעת

האבען זיא אין געזעהען אז מען דארף דאס טאהן. האבין זיא אלעם געטהון. וויא אזוי דיא קרייטער ווערין גערופען וועל איך דייטליך בעשרייבען אין דעם דריטען טהייל וואס עס ווערט אן גערופען פרדס שלמה דארט ווירד שוין זיין בעשריבען וויא דיא קרייטער הייסען יעדעס בלאט עקסטיר אונ וויא אזוי מען האט געטהון מיט זיא. אזוי וויא איך האב עס ארויס גענומען פון דיא ארגינאלען. אונ פון דיא ענגלישע שריפטען פון דעם וואטיקאן.

**Wylolfan die Book Laef 46.**



## ווירד פאר געשטערט דיא שטיגען פון דעם זאאל וואס שלמה המלך עליו השלום איז געזעסען .

אין דעם סאלאן וואס שלמה המלך ע"ה איז געזעסען זענען געוועזן דיא שטיגען ארויף צו געהן אין דער הייך, אזוי וויא מיר האבען אויבען בעשריבען ביא דעם ווארט זאאל.

28.

## ווירד פאר געשטעלט דיא שטיעל פון שלמה המלך ע"ה.

אין דעם סאלאן וואו שלמה המלך ע"ה איז געזעסען איז גאר געשטאנען זיין שטיהל. וויא איך וועל דיא שטיהל עקסטיר בעשרייבען. דיא שטיעל איז געוועזן פון העלפאנד ביין מיט דעם טייערסטען גאלד פון דער וועלט, דאס געשטאלט פון דער שטיהל איז געוועזן אזוי וויא איין גרויסע געריכטס שטוהל דיא שטוהל האט געהאט זעקס שטיגען וואס שלמה המלך ע"ה איז מיט דיא שטיגען ארויף געגאנגען אויף דער שטוהל. אויף יעדע שטיעג איז געוועזן אויף ביידע זייטען צו צוויי גאלדענע לייבען. אויף ביידע לעהנען איז געוועזן צוויי גאלדענע לייבען. אונ אויף דעם זיטץ איז געוועזן צווייא הענד פאר שפרייט וואס זייא האבען דעם קעניג געהאלטען אונ אויף זייא געזעסען, אונ אויף דער אונטער לעהנע פון דער שטוהל איז געוועזן איין קאפ פון איין קאלביל מיט דעם פנים צו דער זאאל. אונ דאס אללעס איז געוועזן אוים דעם טייערסטען גאלד. דער מלך אליין האט ניט בעניצט קיין קרייטער פון דעם גארטען. ער האט אללעס געוואוסט דורך דיא לייבען אונ דורך דעם קאפ פון דעם קאלביל מען האט פאר איהם ניט גיקענט פאר הוילען קיין שום זאך אין דער וועלט ווארום אין איין אויגענבליק האט ער אללעס געוואוסט .

## 29.

ווירד פאַר געשטעלט דער פלאַטץ פון בתיה בת פרעה.

אין דער וואהנונג פון דיא טויזענד ווייבער איז געווען דיא וואהנונג פון דער קעניגען בתיה דיא טאכטער פון פרעה. איהר גאָרטען איז געווען אויף דעם דאך.

## 30.

ווירד פאַר געשטעלט דיא וואהנונג פון דיא טויזענד ווייבער.

עס איז געווען איין ציטאַדעלע וואס מען האט עס גערופען בית המלוא של בת פרעה. עס איז געווען אין באַרג אַרום געמויערט אַזוי וויא איין פעסטונג. אונ דאָרט איז געווען דיא וואהנונג פון אַלע טויזענד ווייבער פון שלמה המלך ע"ה. דרייא הונדערט ווייבער זענען געווען פון קעניגליכע פאַמיליען. אונ זיבען הונדערט זענען געווען ניט פון קעניגליכע בלוט. יעדע האט זיך איין עקסטרע וואהנונג געהאט, דיא וואהנונג איז געווען לויט איהר שאַטץ וויא עס איז איהר געקומען. זייא זענען ניט געווען אַלע גלייך. דיא איבעריגע זענען געזעסען יעדע נאך איהר האבהייט אונ נאך איהר שאַטץ.

## 31.

ווירד פאַר געשטעלט דער גאָרטען מיט דער וואָהנונג
פון בתיה בת פרעה.

אויבען איבער דעם באַרג איז געווען עקסטרע שטיינערנע טרעפען. אונ גאַנץ אויבען איז געשטאַנען איהר פאַליץ עקסטיר. 40 איילען לאַנג אונ 30 איילען ברייט. אונ דער גאַנצער פאַליץ איז געווען געמויערט פון טייערע מלאכית שטיינער. אונ אויף דעם דאך איז געווען געפלאַנצט איין אַזיאַטישער גאָרטען פון לולבים מיט אתרוגים. קיין איינציגער מענש האט ניט בעדאַרפט אהין צו טרעטען. דיא בעדינונג איז געווען נאר פון דאַמען.

אִין דִיא װֶענְד הָאט דֶער מֶלֶךְ אַײנְגֶעזֶעצְט 185 זַײלֶען פוּן טַײעֶרֶע בְּרִילַאנְטֶען. װָאס מֶען רוּפְט עֶס לַאפִּים לַאזַארֶעם אִין גְרִיכִישֶׁער שְׁפְּרַאכֶע דָאס אִיז אֵײן גַאנְץ טַײעֶרֶער שְׁטֵיין.

## 32.

דֶעם פַּאלִיץ הָאט מֶען גֶערוּפֶען אַרְמוֹן הַמַלְכָּה בַּתְיָה בַּת פַּרְעֹה אוּנ אוֹיבֶען דֶעם גָארְטֶען הָאט מֶען גֶערוּפֶען גַן הַמַלְכָּת שֶׁל הָאַרְמוֹן.